**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/22/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט רעזולטאטן פון ערשטע אינפארסירונג שריט אונטער נייער געזעץ קעגן אומלייסענסירטע קאנאביס ביזנעסער**

***אינפארסירונג שריט האבן רעזולטירט אין די קאנפיסקירונג פון א מינימום פון 1000 פונט און כמעט 11 מיליאן דאלאר אין אומלעגאלע פראדוקטן דורך א קאארדינירטע אונטערנעמונג צווישן אגענטורן***

***ניו יארק סטעיט אפיס פון קאנאביס פארוואלטונג און דעפארטמענט פון שטייערן און פינאנץ האבן אנגעהויבן אינספעקטירן אומלייסענסירטע געשעפטן אנהויב יוני אונטער א נייער געזעץ אונטערגעשריבן דורך גאווערנער האקול אין מאי***

***סטעיט אגענטורן קענען יעצט ארויפלייגן שווערע קנסות און אנהויבן דעם פראצעדור פון פארשליסן ביזנעסער וועלכע פארקויפן קאנאביס אן א לייסענס***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די רעזולטאטן פון די ערשטיגע אינפארסירונג שריט קעגן אומלייסענסירטע קאנאביס ביזנעסער. די באמיאונגען דורכאוי די ערשטע צוויי וואכן זענען אנגעפירט געווארן דורך ניו יארק סטעיט'ס אפיס פון קאנאביס פארוואלטונג ( Office of Cannabis Management, OCM) און דעפארטמענט פון שטייערן און פינאנץ ( Department of Taxation and Finance, DTF) וועלכע האבן באקומען די אויטאריטעט דערפאר דורך א נייער געזעץ וואס איז אונטערגעשריבן געווארן דורך די גאווערנער אין מאי אלץ טייל פון די סטעיט'ס בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024.

"אונטער נייע כוח פאר וועלכע איך האב געקעמפט אין די היי-יאריגע סטעיט בודזשעט, קענען מיר יעצט דורכפירן אינפארסירונג קעגן ביזנעסער וועלכע פארקויפן קאנאביס אומלעגאלערהייט, און איך בין שטאלץ צו באריכטן אז אין בלויז די ערשטע דריי וואכן פון אונזערע באמיאונגען האבן מיר קאנפיסקירט קרוב צו 11 מיליאן דאלאר ווערט פון אומלעגאלע פראדוקטן אראפ פון די גאסער," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די אומלייסענסירטע ביזנעסער פארלעצן אונזערע געזעצן, זיי שטעלן די פובליק געזונטהייט אין סכנה און גראבן אונטער די לעגאלע קאנאביס מארקעט, און מיט די מאכטפולע נייע כלים אין אונזערע זאפאסן, שיקן מיר א קלארע און דייטליכע מעסעדזש: אויב איר פארקויפט אומלעגאלע קאנאביס אין ניו יארק וועט איר געכאפט ווערן און אפגעשטעלט ווערן."

זינט יוני 7, האבן די ניו יארק סטעיט אפיס פון קאנאביס פארוואלטונג און די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון שטייערן און פינאנץ צוזאמען דורכגעפירט אינספעקציעס אויף 33 געשעפטן אין ניו יארק סיטי, איטעקע און בינגהעמטאן וועלכע זענען נישט לייסענסירט צו פארקויפן קאנאביס. די צוויי אגענטורן האבן געגעבן פארלעצונג טיקעטס פאר 31 פון די ביזנעסער, און זיי האבן קאנפיסקירט און מסדר געווען פון זיי א מינימום פון 1000 פונט פון אומלעגאלע קאנאביס מיט א געשאצטע ווערט פון קרוב צו 11 מיליאן דאלאר, מיט מער געבליבן צו דורכגיין. די אינפארסירונג וועט פארזעצן וועכענטליך

אריבער די סטעיט, מיט די OCM אקטיווערהייט רעקרוטירנדיג נאך אפיצירן מיט די ציהל צו ברענגען אן ענדע צו די אומלעגאלע האנדל מיט קאנאביס.

די נייע אינפארסירונג געזעצן וועלכע זענען אנגענומען געווארן אלץ טייל פון די בודזשעט האבן געגעבן די אויטאריטעט פאר די OCM צו אין באטראכט נעמען ציווילע קנסות פאר אומלייסענסירטע קאנאביס ביזנעסער, מיט קנסות זיך אנהויבנדיג ביי $10,000 פער טאג ביז $20,000 פער טאג פאר די הארבסטע פארלעצונגען. דער נייער געזעץ האט אויך געגעבן די אויטאריטעט פאר די אגענטור זיך צו ווענדן צו א סטעיט געריכט צו באקומען אן ארדער צו פושלטענדיג פארשליסן ביזנעסער וועלכע זענען געפונען געווארן צו איבערחזר'ן פארלעצונגען פון דעם געזעץ, צווישן אנדערע שטראפן. אין צוגאב מאכט דאס דער געזעץ א קרימינאלע פארברעך צו פארקויפן קאנאביס און קאנאביס פראדוקטן אן א לייסענס.

אין צוגאב צו די פארגרעסערטע אויטאריטעט פאר די OCM, גיבט דער נייער אינפארסירונג געזעץ אויך מאכט פאר די DTF צו דורכפירן רעגולאטארישע אינספעקציעס אין ביזנעסער וועלכע פארקויפן קאנאביס צו באשטימען אויב די פארלאנגטע שטייערן זענען באצאלט געווארן און צו ארויפלייגן ציווילע קנסות אין פאל וואס זיי זענען נישט באצאלט געווארן. דער געזעץ מאכט דאס אויך פאר א שטייער שווינדל פארברעכן פאר ביזנעסער וועלכע מאנען במזיד נישט איין אדער גיבן צוריק די פארלאנגטע קאנאביס שטייערן, אדער ביזנעסער וועלכע פארמאגן סיי וועלכע קאנאביס וואס זיי ווילן פארקויפן אויף וועלכע שטייער דארף באצאלט ווערן און זיי ווייסן אז עס איז נישט באצאלט געווארן.

דורכן אונטערנעמען אנטשיידענע שריט קעגן אומלייסענסירטע קאנאביס ביזנעסער, מאכט ניו יארק סטעיט גרויסע פארשריט אין די ריכטונג פון אויסראטן אומגעזעצליכע קאנאביס אפעראציעס וועלכע שטעלן אין סכנה די פובליק זיכערהייט, די וואוילזיין פון קליענטן און די שטאנדהאפטיגקייט פון ניו יארק סטעיט'ס לעגאלע קאנאביס מארקעט. צו ארויסהעלפן מיט די אנגייענדע שריט, טיילט די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024 אויך צו 5 מיליאן דאלאר פאר נאך 37 OCM איינגעשטעלטע צו דורכפירן די אינפארסירונג שריט.

גאווערנער האקול האט אויך אויפגענומען האָוּפ נייט, פרעזידענט, CEO און קאמישאנער פון עמפּייער סטעיט דעוועלאפמענט, זיך צו אנשליסן אין די קאנאביס קאנטראל באורד ( Cannabis Control Board, CCB). קאמישאנער נייט וועט אנהויבן אויף א באלדיגן פארנעם און וועט זיצן ביי די CCB זיצונג קומענדיגע חודש.

**ניו יארק סטעיט אפיס פון קאנאביס פארוואלטונג עקזעקיוטיוו דירעקטאר, קריס אלעקסאנדער, האט געזאגט,** "היינט האט גאווערנער האקול ארויסגעלייגט א שארפע ווארענונג צו יעדע ביזנעס וואס פארקויפט קאנאביס אן א לייסענס: ניו יארק סטעיט איז אויפן וועג אייך צו פארשליסן. א דאנק די גאווערנער'ס באמיאונגען, גייען אונזערע אינפארסירונג מאנשאפטן ארויס יעדן טאג צו ברענגען אן ענדע צו די פארשפרייטונג פון אומלייסענסירטע קאנאביס געשעפטן אריבער ניו יארק סטעיט. שטיצן לאקאלע ביזנעסלייט וועלכע עפענען לעגאלע קאנאביס ביזנעסער מיט זיכערע און געטעסטע לייסענסירטע פראדוקטן איז די וויכטיגסטע זאך. די OCM איז פארפליכטעט צו באשיצן די פובליק געזונטהייט און פארזיכערן די זיכערהייט פון די קונדן."

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון שטייערן און פינאנץ צייטווייליגע קאמישאנער, אמענדע הילער, האט געזאגט,** "ארבעטנדיג צוזאמען מיט די OCM און אונזערע געזעץ אינפארסירונג שותפים, הויבן מיר אן דעם פראצעדור פון אינפארסירן רעגולאציעס איבער האנדלען מיט קאנאביס אריבער ניו יארק סטעיט. דאס וועט זיין א פארזיכטיג פלאנירטע און אנגייענדע אונטערנעמונג מיט די אולטימאטיווע ציהל צו פארזיכערן א יושר'דיגע און רעגולירטע מארקעט."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָופּ נייט, האט געזאגט,** "גאווערנער האקול'ס חזון פאר א סטעיט-אנגעפירטע רעגולאטארישע סיסטעם און מארקעט פאר קאנאביס שטעלט אוועק די סטאנדארט פאר די גאנצע לאנד, און עס איז אן עהרע צו ווייטער דינען איר אדמיניסטראציע אלץ א מיטגלידערין פון די קאנאביס קאנטראל באורד. איך קוק ארויס צו ארבעטן מיט די אנדערע מיטגלידער צו פארזיכערן אז די פאליסיס און פראגראמען פון די אפיס פון קאנאביס פארוואלטונג דינען די אינטערעסן פון אלע ניו יארקער."

**ניו יארק סטעיט אסעמבלי מאיאריטעט פירערין, קריסטאל פיפלס-סטאָוקס, האט געזאגט,** "עס דערפרייידט מיך צו זעהן די OCM, די DTF און לאקאלע געזעץ אינפארסירונג אגענטורן קענענדיג ענדליך אדרעסירן און פארשליסן אומלייסענסירטע און אומלעגאלע געשעפטן. די אומלעגאלע געשעפטן שטעלן די פובליק'ס געזונטהייט, זיכערהייט און וואוילזיין אין סכנה מיט אומגעטעסטע, אומרעגולירטע פראדוקטן, אבער דערצו טוהען די געשעפטן אויך צומישן די פובליקום ווען זיי פרובירן צו אדווערטייזען זייערע ביזנעסער און פראדוקטן אלץ לייסענסירט און אויטאריזירט אפילו זיי זענען נישט. די פארשליסונגען זענען נויטיג, און צוזאמען מיטן פארזעצן צו עפענען נאך CAURD געשעפטן, וועט דאס ערלויבן ניו יארק'ס לעגאלע קאנאביס מארקעט צו ערגרייכן די פולע פאטענציאל."

**סטעיט סענאטאר ליז קרוּגער האט געזאגט,** "עס גיבט מיר גרויס פארגעניגן אז די אפיס פון קאנאביס פארוואלטונג און די דעפארטמענט פון שטייערן און פינאנץ האבן ענדליך די כלים צו קענען פארשליסן אומלייסענסירטע קאנאביס פארקויפער און צו באשיצן די וואקסנדע, גלייכקייט-קאנצענטרירטע לייסענסירטע מארקעט. מיין הויפט קאנצענטראציע איז ווייטער צו זיכער מאכן אז ניו יארק אנטוויקלט א שטאנדהאפטיגע עקאנאמיע פון ערוואקסענע-באנוץ וואס שטיצט קליינע ביזנעסער און טוט כאטש אביסל צו פארערעכטן די שאדנס וואס די 'מלחמה אויף דראגס' האט גורם געווען."

**סטעיט סענאטאר נעטאליע פערנאנדעז האט געזאגט,** "די מכה פון אומלעגאלע רויכערן געשעפטן שטעלט א באדייטנדע דראאונג פאר די פארזיכטיג אויפגעשטעלטע לעגאלע מאריכואנא אינדוסטריע אין ניו יארק. די אומלייסענסירטע און אומרעגולירטע ביזנעסער טוהען זיך נישט נאר ערהוילן פון די כללים און סטאנדארטן וועלכע ווערן אויסגעפאלגט דורך לייסענסירטע געשעפטן, נאר זיי האבן דערצו אויך נישט קיין אחריות פאר זייערע שריט, באזונדערס ווען עס קומט צו פארקויפן מאריכואנא פאר קינדער וואס זענען נישט גענוג אלט. נאך מער, די באנוץ פון פאטענציאל-סכנות'דיגע צוגעלייגטע כעמיקאלן אין זייערע פראדוקטן לייגט אין סכנה די זיכערהייט פון קונדן און גראבט אונטער די באמיאונגען וועלכע ווערן געמאכט צו פארזיכערן קוואליטעט און אויספאלגונג אין די לעגאלע מארקעט. דערפאר איז דאס שטיצן די אינפארסירונג קאמפיין פון דעם מעיאר און די גאווערנער קעגן די אומלעגאלע אפעראציעס אזוי קריטיש צו היטן אויף די פובליק געזונטהייט, צו היטן אויף די הצלחה פון די אינדוסטריע און זיך צו האלטן צו די סטאנדארטן וועלכע ווערן אוועקגעשטעלט דורך לעגיטימע ביזנעסער."

**ברוקלין דיסטריקט אטוירני, עריק גאנזאלעז, האט געזאגט,** "אומלייסענסירטע קאנאביס געשעפטן לייגן לעגיטימע ביזנעסער אויף די אונטערהאנט, זיי נעמען אוועק פון ניו יארקע שטייער-באצאלנדע בירגער וויכטיגע שטייער איינקונפטן און זיי שטעלן פאטענציאל די פובליק געזונטהייט אין סכנה. איך לויב אויס גאווערנער האקול פארן צושטעלן די וויכטיגע ציווילע אינפארסירונג מעגליכקייטן צו אפשטעלן די אומאויטאריזירטע ביזנעסער, צו העלפן אויסגלייכן די גלעלגנהייטן און צו גיבן פאר געזעצליכע קאנאביס לייסענסירטע ביזנעסלייט א גלייכע טשאנס צו מצליח זיין אין די לעגאלע קאנאביס אינדוסטריע."

**ניו יארק סיטי דיסטריקט 13 קאונסיל מיטגלידערין און פארזיצערין פון די קאמיטע אויף קונדן און ארבייטער באשיצונג (Committee on Consumer and Worker Protection), מארדזשארי וועלאזקעז, האט געזאגט,** "עס איז יעצט א קריטישע צייט פאר די קאנאביס אינדוסטריע, און איך וויל באדאנקען גאווערנער האקול פאר איר פירערשאפט ביים אדרעסירן די בייזוויליגע פארשוינען וועלכע

שטעלן אונזערע קאמיוניטיס אין סכנה. א דאנק אירע באמיאונגען וועלן מיר זעהן אינפארסירונג דורך מערערע מאנשאפטן וועלכע וועלן דערשטיקן די פארשפרייטונג פון אומלייסענסירטע קאנאביס געשעפטן אריבער די סטעיט. עס זענען דא צאללאזע ביזנעסלייט וועלכע ווילן טוהן ביזנעס אויף די ריכטיגע וועג, אבער זיי ווערן געשטערט דורך די נעגאטיווע שריט פון אנדערע. "איך קוק ארויס צו פארזעצן די ארבעט מיט גאווערנער האקול, ניו יארק סטעיט'ס אפיס פון קאנאביס פארוואלטונג און די שטייערן דעפארטמענט צו פארזיכערן אז קונדן, ביזנעסער און אונזערע קאמיוניטיס קענען באקומען די נויטיגע מיטלען צו קענען פארגרעסערן די קאנאביס אינדוסטריע אין ניו יארק סטעיט אויף די ריכטיגע וועג."

אין צוגאב צו די פארלעצונג טיקעטס, זענען באפעלן צו אויפהערן אומלייסענסירטע אקטיוויטעט ארויפגעקלעבט געווארן אויף די דרויסן פון די טירן פון די 31 ביזנעסער וועלכע זענען געפונען געווארן צו פארקויפן קאנאביס אומלעגאלערהייט. די ביזנעסער מוזן יעצט ערשיינען ביי אן אדמיניסטראטיווע געהער וואו די ענדגילטיגע קנסות און שטראפן וואס זיי וועלן באקומען וועלן באשטימט ווערן. נאך א קנס פון $5,000 קען געגעבן ווערן פארן אראפנעמען די צעטל פון די באפעל, און די אינספעקטירטע ביזנעסער קענען אויך באקומען נאך פארלעצונגען און שטראפן אונטער דעם שטייער געזעץ.

נאכפאלגנדיג די ערשטיגע אינספעקציעס, וועלן די OCM און DTF נאכפאלגן מיט אלע לאקאציעס וואס זענען אינספעקטירט געווארן צו פארזיכערן אז די אומלייסענסירטע אקטיוויטעט איז אפגעשטעלט געווארן. אויב ווייטערע אומלייסענסירטע אקטיוויטעט ווערט געפונען צו אנגיין, קען די OCM אריינגעבן א פארלאנג צו די סטעיט סופרים געריכט צו ארויסגעבן אן ארדער אז די געשעפט זאל פולשטענדיג פארשלאסן ווערן ביז די לאקאציע הויבט אן אויספאלגן דעם קאנאביס געזעץ און די פארבינדענע רעגולאציעס.

*נאך אינפארמאציע אויף געלט-שטראפן:*
אויב אן אומלייסענסירטע לאקאציע ווערט געפינען ווייטער פארקויפן קאנאביס פראדוקטן נאך וואס OCM האט ארויסגעגעבן א מעלדונג פון פארלעצונג\באפעל צו אפשטעלן, קען נאך א טאג-ביי-טאג געלט-שטראף ביז $20,000 אפגעשאצט ווערן דורכן ALJ נאכמער, אויב זאל די אומלייסענסירטע ביזנעס אראפנעמען די OCM מעלדונג פון פארלעצונג אדער ווארענונג אויפגעהאנגען אויפן ביזנעס פארנט, קען נאך א געלט-שטראף פון ביז $5,000 ווערן אפגעשאצט דורך אן ALJ

*נאך אינפארמאציע איבער פאריגע און אנגייענדע אפעראציעס:*
די OCM און DTF האבן אנגעהויבן זייערע ערשטע געמיינזאמע אינספעקציעס אויטאריזירט דורך דעם נייעם אינפארסירונג געזעץ דורכאויס די וואך פון יוני 5, 2023, אין ניו יארק סיטי, וואו אינספעקציעס וועלן ווייטער בלייבן אקטיוו און אנגייענד.

די פאלגנדע געשעפטן זענען אינספעקטירט געווארן דורך OCM און DTF אפיצירן און זענען געגעבן געווארן פארלעצונג טיקעטס:

- Varieties on Broadway - 736 Broadway, New York, NY
- Roll 2 Nation - 738 Broadway, New York, NY
- Baby Jeeter - 793 Broadway, New York, NY
- Maze - 16 St. Marks Place, New York, NY
- LaGuardia Smoke - 510 LaGuardia Place, New York, NY
- Nomad - 59 West 30th Street, New York, NY
- Play Lane - 117B W 23rd Street, New York, NY
- Cannabis Culture - 403 8th Avenue, New York, NY
- Smoke Factory - 287 7th Avenue, New York, NY

- Go Green Dispensary - 603 6th Avenue, New York, NY
- Daydream - 1181 Broadway, New York, NY
- Giggles - 59 1st Avenue, New York, NY
- Empire Smoke Shop - 57 1st Avenue, New York, NY
- NYC Smokes - 104 MacDougal Street, New York, NY
- Caviar - 110 MacDougal Street, New York, NY
- Sweet and Sour - 73 2nd Avenue, New York, NY
- Smart Smokes - 143 1st Avenue, New York, NY
- Old G Convenience Corp - 18 West 14th Street, New York, NY
- Premier Top, Inc - 54 14th Street, New York, NY
- Black Leaf - 103 East State Street, Ithaca, NY
- Zaza Convenience - 101 East State Street, Ithaca, NY
- The Rezz - 312 Fourth Street, Ithaca, NY
- Puff N Pass Smoke Shop - 222 Elmira Road #10, Ithaca, NY
- Green Magic - 114 Henry Street, Binghamton, NY
- Take Off - 2-63 Chenango Street, Binghamton, NY
- BMillz 122 Washington Ave, Endicott NY
- Runtz 14 1st Ave, NY NY
- BMillz 1110 Conklin Rd, Conklin NY
- Royal Vapes, 113 Washington Ave, Endicott NY
- Sogie Mart 24 Ave A, NY NY
- Recreational Plus Dispensary 180 1st Ave, NY NY

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן